שבת נחמו

בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ואתחנן
י"א אב תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:04 |
| מוצש"ק | 8:19 |
| ר"ת | 8:56 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:27 | סוז"ת א' | 9:53 |
| סוזק"ש ב' | 9:16 | סוז"ת ב' | 10:26 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': מ"א

## טיב הפרשה

# אַן עבד נאמן ווער־ט מען אז מען איז זיך נישט מייאש פון צו בעטן און צו בעטן

## אפילו ווען ס'זעט אויס אז מ'הערט נישט די תפילות

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די תפילות פון משה רבינו אז הקב"ה זאל אים אריינלאזן אין ארץ ישראל. מען זעט ווי משה רבינו בעט זיך ביים רבוש"ע ער זאל אים געבן די רשות אריבערצוגיין דאס לאנד און זיין אין ארץ ישראל.

אין די תוה"ק ווערט אראפגעברענגט איין תפילה, אבער ווי חז"ל זאגן אונז איז עס נישט געווען איין תפילה, עס איז געווען אסאך תפילות, און די צאל קומט אן צו אזויפיל ווי פינף הונדערט און פופצן תפילות כמנין דערווארט 'ואתחנן'.

עס איז משמע אז משה רבינו וואלט ממשיך געווען צו בעטן און זיך מתחנן זיין, אבער הקב"ה האט אים אפגעשטעלט זאגנדיג רַב לָךְ, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה, נאר דעמאלטס האט ער זיך אפגעשטעלט און מער נישט געבעטן אז הקב"ה זאל אים אריינלאזן אין ארץ ישראל.

אין די פסוקים איז דא אסאך לימודים וואס זענען זייער שטארק נוגע צו דעם היינטיגן דור, אבער לאמיר אנהייבן מיט דאס וואס חז"ל דערציילן אונז אז משה רבינו האט מרבה געווען בתפלה און געבעטן אזויפיל ווי פינף הונדערט און פופצן תפילות.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם אליין זעט מען אין איר א מורא'דיגע זאך. עס איז קלאר אז ווען משה רבינו האט געהאלטן אינמיטן די תפילות האט ער געהאט די הרגשה אז זיינע תפילות ווערן נישט אנגענומען, אז מען הערט זיי נישט אויס אין הימל, אבער מיט דעם אלעם האט ער זיך נישט מייאש געווען, ער האט ווייטער געדאווענט און ווייטער געבעטן, ווייל א איד טאר קיינמאל נישט אויפגעבן און ווילאנג מען זאגט אים נישט אז ער זאל מער נישט בעטן קען ער און ער דארף בעטן ווייל בעטן קען מען אלעמאל.

מען קען זיך פארשטעלן אז יעדע תפילה פון משה רבינו האט געהאט אין איר א חידוש. ביי יעדע תפילה איז ער געקומען צוגיין מיט אן אנ־דערע דערהער, מיט א פרישע סארט הכנעה, ווייל מען דארף כסדר האבן פרישקייט אין דאווענען.

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### – ♦ הִיא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים ♦ –

א קינד, וועלכער האט נישט געהאט אזויפיל חשק צו לערנען תורה, האט באַ־קומען א הבטחה פון זיין טאטע, אז אויב ער וועט זיך אנשטרענגען און לערנען גוט, וועט ער באקומען פון אים א מתנה. אבער אנשטאט אז דער קינד זאל זיך פרייען, האט ער אנגעהויבן צו וויינען. ווען זיין טאטע האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט דער קינד געענטפערט: איך וויין דערפאר, ווייל אן א מתנה קען איך נישט לערנען, און דאס איז פאר מיר ממש א בושה!

האט דער טאטע געזאגט צום קינד: איך פריי זיך צו זען אז דיין רצון און שאיפה איז צו לערנען אויך אן צו באקומען א מתנה, אבער דערווייל זאלסטו נישט האבן קיין צער און דו זאלסט דיך נישט שעמען פון דעם וואס דו לע־רנסט נאר ווען דו באקומסט א מתנה, וויבאלד חז"ל זאגן דאך אז "מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ".

צומאל קענען מיר דערלייגן צו מקיים זיין א מצוה, נאר דערפאר וואס מען טוט אונז פארשלאגן א באלוינונג דערפאר, אדער צוליב אלע אנדערע סארטן סיבות, למשל, אז מען וויל נישט אז מען זאל אונז מכבד זיין דערפאר, און אזוי ווייטער. אבער אויב וועלן מיר טראכטן אויף א מינוט, און מיר וועלן אפוועגן אלע זייטן, וועלן מיר זען אז פון איין זייט האבן מיר דעם מעגליכקייט צו מקיים זיין די מצוה און באקומען שכר דערויף... אבער פון די אנדערע זייט האבן מיר גארנישט! נישט קיין קיום המצוה און נישט קיין שכר דערפאר.

נאכן אפוועגן ביידע צדדים, וועלן מיר מעגליך פארשטיין אז אויב מיר וועלן טון דעם פרומקייט, איז עס דער עצת היצר, וועלכער וויל אונז צוריקהאלטן פון מקיים זיין די מצוות, אויף יעדן וועג וואס איז נאר מעגליך.

דער אויבערשטער זאגט צו אונז 'וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם כִּי הִיא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים... וְאָמְרוּ רַק עַם חָכָם וְנָבוֹן הַגּוֹי הַגָּדוֹל הַזֶּה', זעען מיר פון דעם אז כאטש געווענליך דארף מען לערנען תורה לשמה און נישט כדי צו באקומען שכר, פונדעסטוועגן איז דא פעלער ווען מען מעג און מען זאל לערנען תורה אדער מקיים זיין די מצוות צו באקומען שכר, כדי די פעלקער זאלן זאגן רַק עַם חָכָם וְנָבוֹן הַגּוֹי הַגָּדוֹל הַזֶּה.

און מען זאל נישט טראכטן, וויאזוי זענען מיר אנגעקומען צו אזא מצב, אז מיר דארפן לערנען כדי די גוים זאלן זאגן... נאר פונקט פארקערט, מיר דארפן זיך שטארקן און געדענקען אז דאס איז דער רצון פונעם אויבערשטן אז מיר זאלן לערנען די תורה און טון זיין רצון, און אפילו אויב יעצט איז עס יא כדי צו באקומען שכר, ווייל "מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ".

(עפ"י טיב התורה – ואתחנן)

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

טיב
ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מהאי טעמא ווערט משה רבינו באטיטלט מיטן נאמען "עבד נאמן", ווייל אויך ווען ער האט נישט באקומען וואס ער האט געוואלט, האט ער נישט אויפגעהערט גלייבן אדער געהאט תרעומות, נאר ער איז ווייטער געבליבן אויף זיין ארט און געבעטן און געבעטן אָן אויפהער, און די נקודה איז דא ביי יעדן איינעם פון אונז.

אסאך מאל שטעלט מען זיך דאווענען און מען בעט אויף עפעס, אבער מען שפירט אז די שערי שמים זענען פארשלאסן, עס גייט נישט, אבער א איד מעג קיינמאל נישט אויפגעבן, ער דארף ווייטער דאווענען און אדרבה דא מעסט זיך די געט־ריישאפט פון דעם איד, צי איז ער אמת'דיג געטריי אדער נישט, און אויב ער געבט נישט אויף, נאר ער בלייבט צוגעבינדן צו הקב"ה איז א סימן אז ער איז ווערד אז מען זאל אים אנרופן אן עבד נאמן.

עס קען זיין נאך מער ווי דעם, אז לויט די פשוט'ער פשט האט דוד המלך גע'פועל'ט א ישועה מיט זיינע תפילות. דורך זיינע תפילות האט ער זוכה געווען צו וואס קיין איינער אנדערש האט נישט זוכה געווען, אריינגערעכנט אויך משה רבינו, ער האט זוכה געווען אז הקב"ה האט אים געוויזן גאנץ ארץ ישראל און דורך זיין ראיה האט ער זוכה געווען צו מאכן אלע תיקונים וואס ער האט געוואלט מאכן אין ארץ ישר־ראל, אזוי ווי ער וואלט געמאכט ווען ער וואלט געווען דארט אליין.

די זאך איז פאר אונז אויך א לימוד איבער די כח וואס א מענטש האט מיט זיין רְאִיָה, אז דורך זיין ראיה קען ער קונה זיין גרויסע זאכן און אויך מאכן גרויסע תיקו־נים מיט איר, ווייל מען זעט די זאך ביי משה רבינו און דאס איז א לימוד פאר אונז.

מען זעט אויך די זאך ווען עס קומט צו מאכן הַגְבָּהָה אין שול. אין די ספרי קודש ווערט געברענגט אז ווען א מענטש קוקט זיך איין אין די אותיות פון די תורה איז ער פועל מיט דעם גרויסע זאכן, ער מאכט א תיקון פאר די נפש, ווייל דורך די אויגן קען מען ווערן מזוכך.

מיט דעם געדאנק נוץ איך זיך ווען מען גייט אויף מקומות הק', און כהנים פרעגן מיר אז זיי קענען דאך נישט צוגיין צו די ציונים און זיי האבן מורא אז זיי פועל'ן נישט אן דעם.

אבער דא זעט מען די פארקערטע. מען זעט אז מיט דער בלויזער קוק קען מען אויפטון גרויסע זאכן.

עס איז ידוע אז דער ווילנער גאון פלעגט אייביג זאגן אז ער גלוסט צו זען אפילו א פשוט'ער איד וואס האט געלעבט אין ארץ ישראל בזמן הבית, ווייל דער פשוט'ער איד האט הייליגע אויגן, ער האט זוכה געווען צו זען א נביא.

די כח פון א בליק איז זייער גרויס, אבער דאגעגן איז אויך די פגם פון איינער וואס קוקט נישט אויף גוטע ערטער זייער גרויס, אז ער איז ממשיך אויף זיך נישט קיין גוטע זאכן.

מען געפינט זיך יעצט אין די ימי בין הזמנים. אין אזעלכע טעג דארף מען זיך מער אכטונג געבן ווי נארמאל צו האבן הייליגע אויגן, ווייל מען גייט ארום אין אנדערע פלעצער און מען קען נכשל ווערן אין קוקן נישט קיין גוטע זאכן און עס שלעפט אראפ דעם מענטש זייער נידריג און מען דארף זיין געווארנט דערוועגן.

עס האט שוין מער ווי איינמאל פאסירט אז א איד האט פארלוירן זיין גאנצע יראת שמים נאר צוליב א ראיה אסורה, און עס צוריקצובאקומען האט ער געדארפט ארב־עטן זייער שווער, און עס איז כדאי אז מען פארמיידט פון פריער נישט אריינצופאלן אין די נעץ פון דעם יצר הרע, און מען האלט זיך צוריק פון גיין אויף ערטער וואו מען קען געשטרויכלט ווערן מיט א נישט גוטע ראיה.

דער הייליגער ספר פון תהלים הייבט זיך אן מיט דער פסוק 'אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד', און חז"ל דרש'נען אויף דעם אז אויב מען גייט וועט מען שפעטער אנקומען צו זיצן און ווערן איינס מיט די רשעים [עבודה זרה דף יח ע"ב].

אסאך מאל רעדט זיך א מענטש איין אז אים וועט עס נישט באריךן, ער וועט זיך קענען מתגבר זיין קעגן די נסיונות, אבער עס קומט דא צוגיין אן אזהרה פון דער פסוק אז מען זאל זיך איבערקלערן, מען זאל זיך היטן, ווייל ענדע קען מען אריינפאלן אין די נעץ פון דעם יצר הרע און דער חכם זאל טאקע זיין עיניו בראשו און זאל זיך נישט אריינלאזן אין אזוינע זאכן ווייל עס איז זייער גרינג נכשל צו ווערן אין איר.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זיך קענען היטן, און אז מען זאל ניצול ווערן פון אלע שלעכטס און צוריקקומען גאנץ ברוחניות און גאנץ בגשמיות.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## א אידישער שטוב

## בזכות רבי שמעון

פאר יארן לאנג האב איך זיך איינגעפירט אז אין דעם באשטימטן שבת בין איך ביי רבי שמעון אין מירון.

אויך ווען יענע פרייטאג צופרי האב איך דערהאלטן א טעלעפאן רוף פון א נאנטער ידיד מיינער, און יענער האט מיר געבעטן אז איך זאל קומען פראווענען א שבת מיט אים אין א טייערער האטעל אין צפון־טייל ארץ ישראל.

דער איד איז א גביר'ישער איד, און ער איז געווען גרייט אויסצוצאלן אלע קאסטן פון דעם שבת, אז איך זאל קומען פראווענען מיט אים א שבת.

זעענדיג אז ער איז אין די גיסטע צו זיין שבת אינדרויסן פון שטוב, האב איך באשלאסן אז איך גיי אים איבערצייגן אז ער זאל אויך קומען קיין מירון און זיין א שבת ביי רבי שמעון.

דער איד האט זיך געלאזט איבעררעדן, און ער איז געקומען זיין מיט מיר א שבת אין מירון.

די באדינגונגען אין מירון איז געווען זייער שטארק צוריקגעשטאנען פון די צוגעהערן וואס ער האט געדארפט האבן אין די האטעל, אבער ער האט זיך צוגעשטעלט. ער איז געשלאפן אויף א פשוט'ער בעט און מיטגעגעסן מיט אלע ארומיגע חברים.

די אטמאספער איז געווען זייער געשמאק. מען האט פארברענגט און גערעדט אינאיינעם דורכאויס די שבת.

די שבת איז אריבער געהויבן, און געשמאק און מוצאי שבת ווען מען האט זיך געהאלטן ביים געזעגענען איז דער איד צוגעקומען צו מיר און זיך באדאנקט פאר דעם שבת.

"איך ווייס נישט צי דו ווייסט וואס דו האסט געטון מיט מיר דעם שבת".

איך האב אים אנגעקוקט און נישט פארשטאנען וואס ער מיינט, און ער האט אנגעהויבן אנטפלעקן וואס איז געלעגן דערונטער פון דעם געפלאנטער שבת אין די האטעל.

"עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך טראכט פון זיך צעטיילן מיט מיין ווייב און איר איבערלאזן. די לעבן אינדערהיים איז מיר זייער שווער. איך האב געטראכט אז איידער איך מאך אזא שווערע באשלוס וויל איך ארויספארן אין א האטעל און גוט דורכטראכטן אזא שריט. ענדע האסטו מיר אהערגעשלעפט קיין מירון און מיר האבן פאברענגט דא א שבת. דורכאויס די שבת האט מען גערעדט פון אזוינע וואס לעבן אליין און די אידן ביים טיש האבן דערציילט איבער די שוועריגקייטן וואס זיי גייען אריבער. די נושא איז מיר אריין אין די ביינער. איך האב אליין נישט געטראכט ווי שווער עס איז און הערנדיג די מיטמאכעניש האב איך געטוישט מיין מיינונג".

דער איד האט אויסגעפירט גערירט מיט טרערן.

"איך פאר יעצט אהיים מיט א פעסטער באשלוס צו בלייבן אין שטוב און אנהייבן דאס לעבן פונדאסניי".

[דערציילט דורך דער בעל המעשה נ.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# אַהֲבַת חִנָּם

"לֹא מֵרֻבְּכֶם מִכָּל הָעַמִּים חָשַׁק ה' בָּכֶם וַיִּבְחַר בָּכֶם, כִּי אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים" (ז, ז)

אויף דער פסוק זאגט די גמרא (חולין פט.), אז דער אויבערשטער זאגט צו די אידן, איך גלוסט אין אייך, ווייל אפילו אינדערצייט וואס איך בין משפיע פאר אייך גרויסקייט, טוט איר זיך קליינהאלטן פאר מיר [און רש"י איז מפרש, אז וויבאלד מיר האלטן זיך נישט גרויס, נאר מיר האלטן זיך קליין, טוט דער אויבערשטער גלוסטן אין אונז, "כִּי אַתֶּם הַמְעַט", ווייל מיר האלטן זיך קליין]. איך האב געגעבן גרויסקייט צו אברהם, האט ער געזאגט פאר מיר (בראשית יח, כז) 'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר'. ווען איך האב גרויסגעמאכט משה און אהרן, שטייט אז זיי האבן געזאגט (שמות טז, ז) 'וְנַחְנוּ מָה', און ווען איך האב געגעבן גרויסקייט צו דוד, האט ער געזאגט (תהלים כב, ז) 'וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ'.

אנדערש איז ביי די פעלקער פון די וועלט, ווייל ווען דער אויבערשטער האט געגעבן גרויסקייט צו נמרוד, האט ער געזאגט (בראשית יא, ד) 'הָבָה נִבְנֶה לָּנוּ עִיר', און ווען ער האט גרויס געמאכט פרעה, האט ער געזאגט (שמות ה, ב) 'מִי ה''. ווען סנחריב האט באקומען גרויסקייט פונעם אויבערשטן, האט ער געזאגט (מ"ב יח, לה) 'מִי בְּכָל אֱלֹהֵי הָאֲרָצוֹת וגו''. און נבוכדנצר, בשעת ער האט באקומען גרויסקייט, האט ער געזאגט (ישעיהו יד, יד) אֶעֱלֶה עַל בָּמֳתֵי עָב אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן. און חִירָם דער קעניג פון צוֹר, ווען דער אויבערשטער האט אים געגעבן גרויסקייט, האט ער געזאגט (יחזקאל כח, ב) "מוֹשַׁב אֱלֹהִים יָשַׁבְתִּי בְּלֵב יַמִּים".

שטייענדיג אינעם שבת נחמו, דער צייט פון טרייסט און אויסלייזונג, טוען זיך אידן באשיינען מיט די מדה פון ענוה און שפלות, וואס דאס איז דער עיקר לויב און פראכט פון אידישע קינדער, "כִּי אַתֶּם הַמְעַט", ווייל מיר האלטן זיך קליין, מיט ענוה, און מיט גוטע און ערליכע מדות, וועלכע פארמערן "אַהֲבַת חִנָּם" מיט שלום און בסבר פנים יפות, און עס צושטערט "שִׂנְאַת חִנָּם", וואס דאס איז דער שורש פונעם חורבן און דאס גלות (יומא ט:) און דער שורש פון אלע אידישע צרות בכלל ובפרט.

און דורכדעם וואס מיר וועלן זיך ליבהאבן, וועט דער אויבערשטער גלוסטן אין אונז, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "חָשַׁק ה'", און די גמרא זאגט "חוֹשְׁקַנִי בָּכֶם", איך גלוסט אין אייך, און ער וועט אונז באשיינען מיט די גרויסע ישועה, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (תהלים קמט, ד) "יְפָאֵר עֲנָוִים בִּישׁוּעָה", אמן נצח סלה ועד.

->•<-

א חשוב'ער עלטערער ירושלים'ער איד, וועלכער איז אַן איש נאמן, האט מיר דערציילט דער פאלגנדער מעשה:

ווען ער איז געווען אַן אכט-יעריגער יונגל, איז דער הייליגער בעלזער רב זצוק"ל (וואס זיין יומא דהילולא געפאלט אין די נאנטע טעג, כ"א מנחם-אב) געקומען פון תל אביב, וואו ער האט דעמאלטס געוואוינט, צו ווילן פאר א קורצע שטיק צייט, אין די גאר הייסע זומער-טעג, אין דעם אלטן "קטמון" געגנט אין די הייליגע שטאט ירושלים, און זיין טאטע האט אים מיטגענומען צו זען די הייליגע עבודה פון דעם גרויסן צדיק, ביי זיין הייליגן טיש פון ליל שבת קודש.

אין אט די שפעטע זומערדיגע שבתות איז נישט געווען קיין גרויסער 'עולם' ביים טיש, וויבאלד דער רבי פלעגט ארויסקומען זייער שפעט צום טיש כדרכו בקודש. דעריבער, אפילו ער איז נאך דעמאלטס געווען א קליין יונגל, איז אים געלונגען זיך צו דערנענטערן און אריינשטופן אלס מער און מער, ביז ער האט געכאפט זייער א גוטן ארט, ממש נאנט צום הייליגן רבי'ן.

ווען דער הייליגער רב האט געוואלט טיילן שיריים פון די פיש, האט ער אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן (וועלכע זענען געווענליך געווען אראפגעלאזט, כדרכו בקודש), כדי צו זען פאר וועמען נאך מען דארף געבן, און אט האט ער געזען ווי ממש נאנט צו אים שטייט דער קליינער יונגל, און עסט בדחילו ורחימו פון די פיש וואס ער האט יעצט באקומען 'שיריים' פון די הענט פון דער געטרייער גבאי.

האט זיך דער הייליגער צדיק געווענדן צו אים מיט א ליכטיגן פריינדליכן געזיכט, און האט געזאגט צו אים: "יונגעלע, געב זיך אכטונג פון די ביינער"! ווען נאר געציילטע מינוטן זענען דורכגעגאנגען, האט דער רבי נאכאמאל אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן צום קינד, און אים איידעלערהייט דערמאנט: "אכטונג געבן פון די ביינער"! און אזוי האט דער רבי אים אינזינען געהאט דאס צו דערמאנען יעדער שטיקל צייט, ביז ער האט געענדיגט עסן די הייליגע שיריים פון די פיש!

און דער איד האט מעיד געווען פאר מיר, אז דאס וואס דער צדיק האט זיך געווענדן דירעקט צו אים אין פארנט פונעם גאנצן קהל, און דאס וואס ער האט אים אזוי שטארק מקרב געווען און געזארגט פאר אים, איז אים טיף אריינגעגאנגען אין זיין הארץ און אין אלע זיינע ביינער, און עס האט אים געגעבן א געוואלדיגע חיזוק!

פלוצלונג האט ער געפילט א געוואלדיגע נאנטקייט און התקשרות צום צדיק וואס האט אזוי ליב גוטס צו טון מיט אידישע קינדער – און דאס איז דאך די תכלית פון עסן די שיריים, אז מען זאל מקושר ווערן מיטן צדיק – און ער האט געפילט אז דער צדיק זארגט זיך אמת'דיג פאר אים מיט זיין געוואלדיגע רחמנות!

פון דעמאלטס און ווייטער, איז ער געווארן זייער דבוק אינעם הייליגן בעלזער רב, זעענדיג ווי ער האט זיך אוועקגעקערט פון זיינע טיפע און געהויבענע מחשבות ביי זיין הייליגן טיש, כדי צו היטן און זיך אומצוקוקן אויף א קליינער יונגל...

במשך זיין גאנצן לעבן, יעדן מאל וואס דער איד דערמאנט זיך אין יענעם ספעציעלן קירבה צו וועלכע ער האט זוכה געווען ביים הייליגן בעלזער רב, פילט ער א געוואלדיגער חיזוק דערפון!

[שיחה פרטית י"ט אלול תשע"א]

->•<-

מרן הגאון רבי יוסף חיים זאננענפעלד זצוק"ל, דער רב פון ירושלים עיר הקודש און מרא דארעא דישראל, איז אמאל געלאדנט געווארן צו א סעודה פון א ברית-מילה ביי אן ערליכער איד וועלכער איז געווען פון די ספרד'ישע אידן, יוצאי עדות המזרח. דער רב האט פארשטייט זיך, צום ערשט מברר געווען די כשרות פון די מאכלים, און ווען ער האט געזען אז אלעס קלאפט אויפן בעסטן אופן, און די עסן איז כשר למהדרין מן המהדרין, האט ער זיך באטייליגט אין די שמחה צוליב דעם כבוד פונעם בעל שמחה, ווייל דער רב פלעגט זיך קיינמאל נישט וואשן צו א סעודה, נאר אויב עס איז געווען א סעודת מצוה!

ארויסגייענדיג פון די שמחה, איז איינער, אַן עַז-פָּנִים, צוגעגאנגען צום הייליגן רב, און האט אים אנגעהויבן צו פארשעמען, טענה'נדיג: וויאזוי האט מען געקענט עסן ביי אזא ברית? זיי פירן זיך דאך ביי יעדער זאך לויט די דעה פונעם מחבר זצוק"ל, אינדערצייט וואס מיר פסק'נען אזוי ווי די שיטה פון דער רמ"א זצוק"ל! ווער ווייסט, צו דער רב איז דארט חלילה נישט נכשל געווארן אין עפעס... און אפילו צוליב דער כבוד פונעם בעל-שמחה איז דאס נאכנישט מותר! – אזוי האט דער מענטש געזוכט אנצוצינדן א מחלוקת.

האט אים דער הייליגער רבי יוסף חיים געענטפערט מיט זיין באוואוסטן חריפות און קלוגשאפט: דער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, דוד המלך עליו השלום, זאגט אין זיין ספר תהלים (כב, ז): "וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ", און דערמיט האט ער אונז געוויזן, אז עס איז אמאל בעסער צו עסן א 'תּוֹלַעַת', א וואָרעם, אבער נישט קיין מענטש!

[שיחה פרטית י"ב שבט תשע"ב]

->•<-

מורינו הגאון רבי נטע פריינד, פון די זקני רבני ירושלים עיה"ק, האט דערציילט די פאלגנדע מעשה:

אמאל, ווען איך האב זיך באטייליגט פרייטיג צונאכטס, ביים הייליגן טיש פון הרה"ק רבי שלאָמקע זוועהילער זי"ע, האב איך געזען א מַחֲזֶה נִפְלָא!

אינמיטן פירן טיש, ווען דער צדיק איז געווען פארטיפט אין א געוואלדיגן דביקות כדרכו בקודש, האט ער זיך פלוצלונג אויפגעכאפט און צוגערופן איינער פון זיינע געטרייע משמשים, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל שוין צוגיין צום שול וואס געפינט זיך אינעם הויף פון "בית יעקב הישן", און דארט, אונטערן עמוד פונעם חזן, האט זיך א קעצעלע פארכאפט, און זי וויינט און שרייט מיט צער ווייל זי קען נישט ארויסגיין פון דארט... דעריבער זאל ער איר גלייך באפרייען פון איר געפענגעניש! און דאס אלעס, האט דער רבי פארשטייט זיך געזען מיט זיין רוח הקודש!

האט רבי נטע געזאגט:

דער "עולם" וואס איז געווען דארט ביים טיש, זענען ארויסגעגאנגען פון התפעלות, זעענדיג דעם אפענעם רוח הקודש וואס דער צדיק האט ארויסגעוויזן, ווייל ווער ווייסט וואס דער צדיק האט דא מרמז געווען מיט זיינע ווערטער, וואס ער האט ארויסגערעדט אינמיטן פירן טיש ברבים, וועלנדיג אויסלייזן א זעל פון געפענגעניש, אונטערן 'עמוד' וואו עס גייען ארויף די תפילות פון הייליגע אידישע קינדער! ווייל ווי באקאנט, פלעגט דער הייליגער צדיק אינזינען האבן געוואלדיגע הויכע רמזים ביי זיינע אלע ווערטער און מעשים, און ער האט באהאלטן הויכע יחודים, אויך ווען ער האט געבעטן אז מען זאל באפרייען א קליין

המשך אין עמוד ד' >|

קעצל...

אבער איך פאר מיר אליין – האט רבי נטע אויסגעפירט – בין מער נתפעל געווארן פונעם געוואלדיגן ביטול וואס דער הייליגער צדיק האט געפילט אנטקעגן יעדן קליינעם באשעפעניש אויף דער וועלט, און די וואונדערליכע רחמנות וואס ער האט רחמנות געהאט אויף יעדן נברא וואס דער אויבערשטער האט באשאפן אין זיין וועלט!

און אויב האט מען דא גערעדט פון א קליינעם קעצעלע, איז דאך א קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אויף ווי ווייט דארף מען רחמנות האבן אויף יעדן מענטש וואס איז באשאפן געווארן מיטן צלם אלקים, און אויך אלע הייליגע אידישע קינדער, וואס זענען דאך די קינדער פונעם אויבערשטן!!!

[שם]

->•<-

דער באוואוסטער גאון, מוהר"ר חיים קרייזווירט זצ"ל, גאב"ד אנטווערפן יצ"ו, האט מיר אמאל דערציילט, אז ווען ער איז געווען אן ארעסטאנט אינעם ארבעטס-לאגער אין די יארן פון די ביטערע וועלט-מלחמה, האט ער אמאל געזען א אידישער בחור וועלכער איז קראנק געווארן מיט א שווערע קרעץ וואס האט זיך אויסגעשפרייט אויף זיין גאנצן קערפער, רחמנא ליצלן, און ער האט זיך געפינען אין א גרויסע סכנה, און אויב דאס איז נישט געווען גענוג, האבן די רשעים ימח-שמם אויסגעשטאכן זיינע צוויי אויגן און ער איז געווארן בלינד ל"ע. זיין אויסזען איז געווען זייער שרעקליך! זעלבסט-פארשטענדליך אז אלע מענטשן האבן זיך דערווייטערט פון אים מיט שרעק.

אבער די גוטע הארץ פון רבי חיים איז פול געווארן מיט גרויס רחמנות זעענדיג דעם נעבעכדיגן בחור, און ער האט זיך געשטארקט מיט אלע זיינע כוחות, און כאטש עס איז געווען א גרויס געפאר אז ער זאל נישט אנגעשטעקט ווערן מיטן קרענק, האט ער זיך דערנענטערט צו אים און גערעדט צו אים ווייכע רייד. ער האט אים אנגענומען ביי זיין האנט און ער האט אים אריינגענומען אין זיין באראק וואו ער האט געוואוינט, און ער האט אים אראפגעלייגט אויף זיין אייגענעם בעט...

רבי חיים האט אים אליין באהאנדלט מיטן גרעסטן מאס איבערגעגבנקייט, וויפיל עס איז מעגליך געווען אין יענע שווערע טעג... ער האט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען פון זיין מאגערע מאלצייט... ער האט אים אפגעוואשן און באשמירט און אויסגערייניגט זיינע וואונדן, און אזוי ווייטער, ביז ער איז אויסגעהיילט געווארן און זיך צוריקגעקערט צו זיין פריערדיגן געזונט-צושטאנד.




דער בחור האט אים געדאנקט פון די טיפענישן פון זיין הארץ, זאגנדיג אז ער האט ממש געראטעוועט זיין לעבן! וויבאלד ער איז שוין געווען לְאַחַר יֵאוּשׁ, און אויפן שוועל פון טויט!

וואס איז געשען נאכדעם? – האט רבי חיים מיר ווייטער דערציילט – איך בין ארויסגעגאנגען זיך אפרוען אביסל, אינדרויסן פונעם באראק, און אזוי ווי דו קענסט מיר, האב איך נישט ליב צו שווייגן און צו פארברענגען די צייט, דעריבער האב איך, ווי מיין שטייגער, געפרעגט עטליכע חברים וואס איך האב דארט געהאט, וויאזוי זיי פילן זיך, און איך האב אויך מברר געווען עטליכע זאכן.

האט די השגחה עליונה צוגעשטעלט, אז פונקט אין די זעלבע צייט וואס איך האב זיך דארט געדרייט אינעם לאגער און גערעדט מיט דעם און יענעם, איז דער הויפט עס-עס גענעראל ארומגעגאנגען אין לאגער, און באטראכט דעם גאנצן לאגער און אירע איינוואוינער, צוזאמען מיט עטליכע אפיצירן, און ווען ער האט געזען ווי איך שמועס אסאך, האט עס אים נישט געפאָלן, און ער האט מיר חושד געווען אז איך בין א שפיאן!

מיט זיין סאדיסטישע אכזריות, האט ער גלייך באפוילן איינעם פון די סאלדאטן, צו 'באהאנדלען' דעם אידישן שפיאן ווי עס דארף צו זיין... און אים גלייך ארויסטראגן און שיסן צום טויט, רחמנא ליצלן!

אין די זעלבע צייט – האט רבי חיים דערציילט – האב איך שטילערהייט מתפלל געווען צום אויבערשטן, פון טיפענישן פון הארץ, און אזוי האב איך געבעטן דעם אויבערשטן: רבונו של עולם, דו ווייסט דאך אז איך האב נישט גערוט ביז איך האב נארוואס געראטעוועט א אידיש קינד מיט מסירות נפש! דעריבער בעט איך דיר, אז דו זאלסט מיר געבן דער שכר פון די מצוה דא אויף דער וועלט, און דו זאלסט מיר ראטעווען פון טויט! כדי איך זאל קענען ווייטער ראטעווען, און העלפן נאך אידן! ווייל "מצוה גוררת מצוה" (אבות ד, ב). – אבער אויב וועל איך יעצט שטארבן, שטייט דאך אין פסוק "בַּמֵּתִים חָפְשִׁי" (תהלים פח, ו), און איך וועל מער נישט קענען מקיים זיין נאך מצוות אויף דער וועלט! – און אזוי האט ער ווייטער מתפלל געווען פון די טיפענישן פון זיין הארץ, צום גרויסן באשעפער.

און פלוצלונג, ממש אין דער לעצטער רגע, איז איינגעפאלן פארן סאלדאט וואס האט געדארפט אויספירן דעם באפעל, אז עס וואלט בעסער געווען אים צו הרג'נען אינדרויסן פונעם לאגער, וואו ער וועט זיך נישט דארפן אפגעבן מיט אים באגראבן... נאר ער וועט אים לאזן ליגן פריי אויפן פעלד! אבער אויב ער וועט אים הרג'נען דא אינעם לאגער, וועט ער דארפן אויסרייניגן דעם פלאץ און אים באגראבן אין דער ערד.

דעריבער האט ער אים באפוילן, אז ער זאל שוין ארויסלויפן מיט אים אינדרויסן פונעם לאגער! און דארט, נאכדעם וואס דער נאצישער סאלדאט האט שוין ארויסגענומען זיין שיסער און האט געוואלט ארויסשיסן דעם קויל, איז פלוצלונג זיין הארץ איבערגעדרייט געווארן, אן קיין שום ערקלערונג, און ער האט שנעל געזאגט צו רבי חיים: קוק! איך וועל יעצט שיסן אין די לופט! און דו, כאפ אריין און נוץ אויס דעם געלעגנהייט, און אנטלויף! און קיינער וועט נישט וויסן וואס איז מיט דיר געשען...

זעלבסט-פארשטענדליך, אז רבי חיים האט נישט געווארט אפילו א רגע! ער האט אויפגעהויבן זיינע פיס און ער איז אנטלאפן פון דארט די שנעלסטע וואס ער האט געקענט! און אזוי איז ער געראטעוועט געווארן בחסדי השם פון די ביטערע מלחמה, און ער איז געבליבן לעבן!

און ער האט זוכה געווען צו א לאנג לעבן, מיטן גרויסן ממלכת החסד וואס ער האט אויפגעשטעלט, מיט א געוואלדיגן "אהבת חנם" צו יעדן איד, אזוי ווי עס איז ברייט באוואוסט!

זעט אויס, אז כדי זוכה צו זיין צו ניסים פון הימל, דארף מען משקיע זיין "מסירות נפש!" – און דער וואס איז גרייט זיך צו מוסר נפש זיין, דער איז זוכה צו ניסים!

[קובץ "כלליות" דף ק"ג]

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלבע"י אלול תשפ"ג תנצבה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצבה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצבה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173